Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

Dos jidiše folk in tzifern

Leštzinski, Jankev

Berlin, 1922

קאפיטל 9. די אידן אין פארשיידענע טיפן·וואוין-ערטער פון עסטרייך.

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8340

Visual Library

קאַפּיטל 9.

די אידן אין פאַרשידענע טיפּן וואוין־ערטער פון עסטרייך.

צוויי פּראַצעסן כאַראַקטעריזירן די אינעווייניגסטע וואַנדערונג פון די אידישע מאסן אין 19־טן יאָרהונדערט: ראשית, שטרעבן די אידישע מאסן אין די גרויסע שטעט; שנית, שטרעבן זיי צו קאָנצענטרירן זיך אין געדיכט־באַזעצטע קהלות. און אפילו די עסטרייכישע אידן, וואס בִּכְלַל פאַרנעמען זיי ניט, אין פּרט פון מאָדערנער אנטוויקלונג, קיין אָרט אין די ערשטע רייהען, האָבּן ניט אויסגעמיטן דעם אַלגעמיינעם גורל פונם היינטיגן אידנטום. אַזוי האָבּן געוואוינט אין 1900־טן יאָר אין שטעט מיט מער פון 50 טויזנט איינוואוינער פון יעדע הונדערט נפשות:

1. בּיי אידן 23,33 %
2. בּיי ניט־אידן 10,60 %

דער חלק פון דער אידישער עסטרייכישער בּאַפעלקערונג, וואָס האָט געוואוינט אין 1900־טן יאָר אין גרויסע שטעט, איז צוויי מאָל אזוי גרויס, ווי דער זעלבּער חלק בּיי דער קריסטליכער בּאַפעלקערונג.

אויספירליכערע דאַטן בּנוגע צום אַנטייל פון דער אידישער בּאַפעלקערונג אין פאַרשיידענע טיפּן וואוין־ערטער וועלן מיר בּריינגען ווען יעדן קאַנט בּאַזונדער.

טאַבּעלע XXXIII

די אידן פון גאַליציע אין שטעט, שטעטלאַך און דערפער.

יאָר	שטעט – אַבּסאָלוטע צאָל אידן	שטעט – % פון אַלע אידן	שטעטלאַך – אַבּסאָלוטע צאָל אידן	שטעטלאַך – % פון אַלע אידן	דערפער – אַבּסאָלוטע צאָל אידן	דערפער – % פון אַלע אידן
1880	197 068	28,7	216 118	31,5	273 500	39,8
1890	218 281	28,4	236 923	31,8	313 628	40,8
1900	248 203	30,6	239 443	29,5	323 537	39,9
1910	297 978	34,1	253 578	29,3	320 339	36,6

טאַבּעלע XXXIII גיט אונז מאַטעריאַל ווענן די אידן אין פאַרשידענע וואוין־ערטער פון גאַליציע. פון דער דאָזיגער טאַבּעלע זעהען מיר, אַז אין 1910־טן יאָר האָט געוואוינט אין גאַליציע:

1. אין די שטעט 34,1 %
2. אין די שטעטלאך 29,3 %
3. אין די דערפער 36,6 %

קומט אויס, אז אין די שטעט האט געוואוינט אין גאליציע מער פון א דריטל פון דער גאנצער דארטיגער אידישער באפעלקערונג; אין די דערפער האט אבער געוואוינט א גרעסערער פראצענט — 36,6. חוץ בוקאָווינע איז גאליציע דאס איינציגע לאנד אין דער גאנצער וועלט, וואו ס'וואוינט אזא גרויסער פראצענט אידן אין דערפער.

נעמען מיר די דאטן פאר פארשיידענע צייטן, זעהען מיר, אז דער פראצענט אידן, וואס וואוינט אין די שטעט, האלט אין איין וואקסן, ווען דער פראצענט פון דעם טייל אידן, וואס וואוינט אין די דערפער, האלט אין איין פאלן. אזוי זעהען מיר, אז אין שטעט האבן געוואוינט פון דער אידישער באפעלקערונג אין גאליציע:

1. אין 1880־טן יאר 28,7 %
2. „ „ 1910 „ „ 34,1

דער טייל פון דער אידישער באַ־עלקערונג, וואס וואוינט אין שטעט, איז אויסגעוואקסן מער ווי אויף 18 פראצענט.

אין די דערפער, פארקערט, האט געוואוינט פון דער אידישער באפעלקערונג:

1. אין 1880־טן יאר 39,8 %
2. „ „ 1910 „ „ 36,6

האט זיך, הייסט עס, דער טייל אידן, וואס וואוינט אין דערפער, פאר־קלענערט אויף 8 פראצענט.

דאס האבן מיר אלץ גערעדט וועגן די רעלאטיווע חלקים פון דער גאלי־צישער אידישער באפעלקערונג, וואס קומען אן אויף די שטעט און אויף די דערפער. די באטראכטע ערשיינונג וועט אונז ווערן נאך קלארער, ווען מיר וועלן נעמען דעם וואוקס פון דער אבסאלוטער צאל אידן אין די שטעט און אין די דערפער. די שטאטישע אידישע באפעלקערונג פון גאליציע איז אויס־געוואקסן פון 197 068 (1880) ביז 297 978 (1910), ד. ה. אז די פארגרעסע־רונג האט דערגרייכט 51 פראצענט. די דארפישע־זשע אידישע באפעלקערונג איז אויסגעוואקסן פון 273 500 (1880) ביז 320 339 (1910), די פארגרעסערונג איז געווען נאר 17 פראצענט, דריימאל ווייניגער, ווי ביי דער שטאטישער בא־פעלקערונג.

דער נאטירליכער צוּוואקס ביי דער אידישער באפעלקערונג אין גאליציע איז בִּכְלָל זעהר א הויכער און באזונדערס הויך איז ער ביי דער דארפישער אידישער באפעלקערונג און ער איז געווים געוועזן ניט ווייניגער פון צוויי פראצענט יערליך, אויב ניט נאך העכער. דער נאטירליכער צוּוואקס ביי דער דארפישער אידישער באפעלקערונג אין גאליציע האט באדארפט זיין פאר די דרייסיג יאר — פון 1889־טן ביז 1910־טן — קרוב צו צוויי הונדערט טויזנט נפשות. דער פאקטישער־זשע צוּוואקס איז געוועזן סך־הכל 46 839. די איבעריגע 150 טויזנט אידן האבן עמיגרירט אין די שטעט און קיין אמעריקע. אין די שטעט איז נעבליבן פון זיי נאר א קליינער פראצענט, און דער גרעסטער טייל האט עמיגרירט קיין אמעריקע, ווארום בארעכנט מען דעם נאטירליכן צוּוואקס פון דער שטאטישער אידישער באפעלקערונג אין גאליציע, זעהט מען, אז דער פאקטישער צוּוואקס איז ניט קיין סך גרעסער פון אים. דאס איינע, וואס מיר האבן נאר וואס קאנסטאטירט בנוגע צום דארפישן גאליצישן אידנטום, קומט פאר אויך מיט דעם שטעטלישן גאליצישן אידנטום, נאר א ביסל אין א שוואכערער מאס.

נייען מיר איבער צו דער שטאטישער באפעלקערונג אין באזונדערע טיילן פון גאליציע.

אין מערב־גאליציע האבן געלעבט אין שטעט אין 1910 — 83 578 אידן, וואס ס'האט אויסגעמאכט 39,2 פראצענט פון אלע אידן פון מערב־גאליציע. אין מזרח־גאליציע האבן געלעבט אין 1910־טן אין שטעט — 214 400 אידן, וואס ס'האט אויסגעמאכט 32,5 פראצענט פון אלע אידן פון מזרח־גאליציע. זעהען מיר, אז אין מערב־גאליציע, וואו די אינדוסטריע איז מער אנטוויקלט, וואו די שטאטישע באפעלקערונג מאכט בכלל אויס א גרעסערן פראצענט פון דער אלגעמיינער באפעלקערונג, וואו, ענדליך, דער נאציאנאלער און סאציאלער קאמף פון דעם ארגאניזירטן פוילישן פויער אין דארף און אין שטעטל צווינגט דעם אידישן קליין־קרעמערל, מעקלערל, לופט־מענשל וכדומה זוכן פרנסה אין די גרעסערע שטעט — אט דארטן איז דער פראצענט פון דער אידישער שטאטישער באפעלקערונג גרעסער, ווי אין מזרח־גאליציע, וואס איז נאך א ריין אגראריש לאנד, און דער פויער כאפט זיך ערשט אויף צו א באוואוסטזיניגן נאציאנאלן און סאציאלן קאמף.

וואס פאר א פראצענט לגבי דער אלגעמיינער באפעלקערונג מאכן אויס די אידן אין די שטעט פון גאליציע?

נעמען מיר לכתחילה די צוויי גרעסטע שטעט פון ביידע טיילן פון גאליציע — קראָקע און לעמבערג.

טאבעלע XXXIV

די אנטוויקלונג פון דער גאנצער און פון דער אידישער באפעלקערונג אין קראָקע.

יאר	די גאנצע באפעלקערונג	די אידישע באפעלקערונג	% פון דער אידישער באפעלקערונג
1787	23 591	3 653	15,5
1831	32 890	9 820	29,8
1869	49 835	17 670	35,4
1880	66 097	20 269	30,7
1890	74 596	20 939	28,1
1900	97 372	25 910	27,0
1910	151 886	32 321	21,3

מיר זעהען, אז אין וואוקס פון דער אידישער באפעלקערונג אין קראָקע זיינען פאראן צוויי פעריאדן, וואס זיינען גאנץ פארשידן. פון 1787 ביז 1869־טן וואקסט די אידישע באפעלקערונג א סך אינטענסיווער, ווי די גאנצע באפעלקערונג. און פון 15,5 פראצענט אין 1787־טן יאר וואקסט אויס די אידישע באפעלקערונג ביז 35,4 פראצענט אין 1910־טן יאר. פון 1869־טן הויבט זיך אן דער צווייטער פעריאד — די אידישע באפעלקערונג וואקסט א סך שוואכער, ווי די אל־געמיינע באפעלקערונג, און דער רעלאטיווער אַנטייל פון די אידן אין קראָקע האלט אין איין פאלן. פון 35,4 פראצענט אין 1869־טן פאלט ער ביז 27,0 אין 1900־טן און אין די לעצטע צען יאר פאלט ער אראפ ביז 21,3 פראצענט, אקוראט ביז דעם צושטאנד, אין וועלכן ער האט זיך געפינען אין 1815־טן יאר, צוריק, הייסט עס, מיט הונדערט יאר. אמת, די לעצטע צען יאר דארפן ווייניגער גענומען ווערן אין אכט, ווייל פאר דער דאזיגער צייט זיינען צוגערעכנט געווארן צו דער שטאט קראָקע אייניגע פארשטעט, וואס זיינען באזעצט כמעט אויס־שליסליך מיט פאלאקן.

נעמען מיר אן די דאטן פון 1787־טן פאר 100, וועלן מיר באקומען פאלגנדיג

קלאר בילד וועגן דער אנטוויקלונג פון דער אלגעמיינער און פון דער אידישער באפעלקערונג אין קראקע:

יאר	די גאנצע באפעלקערונג	די אידישע באפעלקערונג
1787	100	100
1831	139	269
1869	211	484
1880	280	555
1890	316	573
1900	387	703
1910	644	885

נעמען מיר דעם גאנצן פעריאד צייט — פון 1787־טן ביז 1910־טן — האט זיך די אידישע באפעלקערונג פארגרעסערט כמעט ניין מאל, ווען די גאנצע באפעלקערונג האט זיך פארגרעסערט נאר זעקס מיט א האלבן מאל. נעמט מען אבער די צוויי פעריאדן באזונדער — ביז 1869־טן יאר און די שפעטערדיגע צייט, — באקומט זיך גאר אן אנדער בילד. די אידישע באפעלקערונג שטייט אפ פון דער אלגעמיינער אין צווייטן פעריאד, נאר יאגט זי שטארק אריבער אין ערשטן פעריאד. ביז 1869־טן יאר האט זיך די אידישע באפעלקערונג כמעט פינף מאל פארגרעסערט, די אלגעמיינע נאר צוויי מאל. פון 1869־טן ביז 1900־טן האט זיך די גאנצע באפעלקערונג פארגרעסערט כמעט צוויי מאל. די אידישע ווייניגער פון אנדערהאלבן מאל.

ברייננען מיר נאך דעם פעלקערליכן צוזאמענשטעל פון דער שטאט קראָקע:

יאר	פאלאקן	אידן	אנדערע
	אין פראצענטן		
1880	67,8	30,7	1,5
1890	70,3	28,1	1,6
1900	71,0	27,0	2,0
1910	76,8	21,3	1.9

די אידן בילדן אין קראָקע א באדייטנדיגע מינדערהייט; זיי האבן אבער אנטקעגן זיך א מערהייט פון איין פאלק — נאר פון פאלאקן. די צאל פון די לעצטע האלט אין שטארקן וואקסן — פון 67,8 פראצענט אין 1880־טן יאר איז דער אנטייל פון די פאלאקן אויסגעוואקסן ביז 76,8 פראצענט אין 1910־טן יאר.

נאר אן אנדער בילד זעהען מיר אין לעמבערג — אין דער הויפט־שטאט פון מזרח־גאליציע.

טאבעלע XXXV

דער נאציאנאלער צוזאמענשטעל פון דער באפעלקערונג אין לעמבערג.

יאר	פאלאקן		אידן		אוקראינער		אנדערע		צוזאמען	
	אבסאל. צאל	פראצענט	אבסאל. צאל	פראצענט	אבסאל. צאל	פראצענט	אבס. צאל	פראצענט	אבסאל. צאל	פראצענט
1880	58 602	53,4	30 961	28,2	17 496	15,9	2687	2,5	109 746	100,0
1890	67 286	52,6	36 130	28,2	21 876	17,1	2651	2,1	127 943	100,0
1900	82 597	51,7	44 258	27,7	29 327	18,3	2695	2,3	159 877	100,0
1910	105 469	51,2	57 387	27,8	39 314	19,1	3943	1,9	206 113	100,0

וואס ווייזט אונז די דאזיגע טאבעלע? ראשית, אז די פאלאקן מאכן אויס אין לעמבערג, אין צענטער פון אוקראינישן טייל פון גאליציע, אן אבסאלוטע מערהייט. די אידן מאכן אויס אין לעמבערג מער פון א פערטל פון דער גאנצער באפעלקערונג, און די אוקראינער ווייניגער פון א פינפטל פון דער גאנצער באפעלקערונג.

אין 1910־טן יאר זיינען געווען אין לעמבערג:

1. פאלאקן 51,2 %
2. אידן 27,8 %
3. אוקראינער 19,1 %

נעמען מיר דעם צוואקס פאר דער צייט פון 1880־טן ביז 1910־טן יאר, איז ער געווען

1. ביי די פאליאקן 80,0 %
2. ביי די אידן 85,4 %
3. ביי די אוקראינער 124,6 %

די אוקראינער וואקסן א סך אינטענסיווער, ווי די איבעריגע צוויי פעלקער;

די צאל אידן פארגרעסערט זיך שטארקער, ווי די צאל פאלאקן. און דעריבער זעהען מיר, אז דער פראצענט פאלאקן האט זיך פארקלענערט פון 53,4 (1880) ביז 51,2 (1910); דער פראצענט אידן האט זיך אויך אביסל פארקלענערט — פון 28,2 (1880) ביז 27,8 (1910); דער פראצענט־זשע פון די אוקראינער האט זיך, פארקערט, פארגרעסערט — פון 15,9 (1880) ביז 19,1 (1910).

פון די הויפט־שטעט פון גאליציע ווען מיר איבערגיין צו די איבעריגע שטעט.

אין מערב־גאליציע זיינען פאראן עלף גרעסערע שטעט. אין די דאזיגע עלף שטעט מאכן די פאלאקן אויס צוויי דריטל פון דער גאנצער באפעלקערונג, און די אידן איין דריטל. אזוי זיינען געווען אין די עלף שטעט:

א) אין 1880־טן יאר:	1. פאלאקן	62,3
	2. אידן	34,0
ב) אין 1910־טן יאר:	1. פאלאקן	63,3
	2. אידן	31,2

מיר זעהען, אז פאר 30 יאר האט זיך דער פראצענט אידן אביסל פארקלענערט, און דער פראצענט פאלאקן אביסל פארגרעסערט. דאס דערקלערט זיך דערמיט, וואס די אידן עמיגרירן אין א גרויסער מאס קיין אמעריקע אפילו פון די שטעט, וואס ציהען צו זיך צו א באדייטנדיגע באפעלקערונג פון די שטעטלאך און דערפער. אנדערש גערעדט, די שטעט פון מערב־גאליציע, ווי פון א סך אנדערע לענדער, קאנען ניט איינהאלטן די גאנצע אידישע באפעלקערונג, וואס קומט אן פון דער פראווינץ, און שטויסן זי ארויס ווייטער קיין אמעריקע. אבער אין דעם קאן גאר קיין ספק ניט זיין, אז אין מערב־גאליציע גייט א גרויסער שטראם פון דארף און שטעטל אין שטאָט אריין. דער צוואקס פון דער אידישער באפעלקערונג פאר דרייסיג יאר — פון 1880 ביז 1910 — אין מערב־גאליציע האט באטראפן:

1. אין די שטעט	63,8 %
2. אין די שטעטלאך	30,6 %

דער פראצענט אידן פון מערב־גאליציע, וואס האט געוואוינט אין דערפער, האט באטראפן:

1. אין 1880־טן יאר	38,0 %
2. אין 1910־טן יאר	28,8 %

דאס אלץ באווייזט, אז די ארגאניזירונג פון גאליצישן אידנטום, דאס וואקסן פון דער שטאטישער באפעלקערונג אויפן חשבון פון דער שטעטלישער און דארפישער, נייט אהן אן אויפהער.

גאר אן אנדער לאגע געפינען מיר אין די שטעט פון מזרח־גאליציע — דא בילדן די אידן א רעלאטיווע מערהייט. די דאזיגע רעלאטיווע מערהייט האלט אבער אין פאלן, און ס'וואקסט דער פראצענט פון די פאלאקן. אין די 19 שטעט פון מזרח־גאליציע איז געווען:

א) אין 1880־טן יאר:	1. אידן	45,6 %
	2. פאלאקן	29,0 %
	3. אקראינער	23,9 %
ב) אין 1910־טן יאר:	1. אידן	38,5 %
	2. פאלאקן	35,5 %
	3. אוקראינער	24,8 %

מיר זעהען, אז די אידן האבן געהאט א רעלאטיווע מערהייט אפילו אין 1910־טן יאר. דאס צווייטע ארט נאך די אידן פארנעמען די פאלאקן, און די אוקראינער דאס דריטע. אין 1880־טן יאר זיינען געווען אין מזרח־גאליציע זעקס שטעט, וואו די אידן האבן געהאט אן אבסאלוטע מערהייט; אין 1910־טן זיינען שוין געווען אזעלכע שטעט נאר צוויי.

פון דעם אלעם קאן מען אבער ניט דרינגען, אז אין מזרח־גאליציע גייט ניט דער פראצעס, וואס הייסט אורבאניזירונג. די אידישע באפעלקערונג איז אויסגעוואקסן פאר דרייסיג יאר (פון 1880 ביז 1910) אין מזרח־גאליציע:

1. אין די שטעט אויף	37,2 %
2. אין די שטעטלאך אויף	14,2 %

הייסט עס, אז די אידישע שטאטישע באפעלקערונג אפילו אין מזרח־גאליציע, אין דעם דאזיגן אפגעשטאנענסטן לאנד, איז געוואקסן צוויי מיט א האלבן מאל גיכער, ווי די שטעטלישע אידישע באפעלקערונג. אויך דער פראצענט פון דעם טייל אידן, וואס וואוינט אין די דערפער פון מזרח־גאליציע, איז פאר די דרייסיג יאר געפאלן.

שטעט מיט מער פון 10 טויזנט אידישע נפשות איז געווען אין 1900־טן יאר אין גאליציע אכט (מיט לעמבערג און קראָקע). אין די דאזיגע אכט

גרעסטע אידישע קהלות זיינען געווען אין 1900־טן יאר 150 072 אידן, וועלכע האבן אויסגעמאכט 18,5 פראצענט פון אלע גאליצישע אידן. קומט אויס, אז אפילו אין גאליציע האט שוין אין 1900־טן יאר געוואוינט כמעט א גאנץ פינפטל פון אלע אידן אין אכט קהלות מיט מער ווי צען טויזנט נפשות אין יעדער קהלה. אין 1910־טן יאר האט געווים געוואוינט אין די דערמאנטע אכט קהלות קרוב צו א פערטל פון אלע גאליצישע אידן.

גייען מיר איבער צו בוקאווינע. אין בוקאווינע וואוינט א גאנץ גרויסער פראצענט אידן אין דערפער.

אזוי האבן פון אלע בוקאווינער אידן געוואוינט אין דערפער:

1.	אין 1880־טן	29 749	44,12 %
2.	„ 1890־טן	40 169	48,56 %
3.	„ 1900־טן	47 740	49,51 %

בוקאווינע איז דאס איינציגע לאנד אין דער גאנצער וועלט, וואו אזא גרויסער פראצענט אידן — כמעט א גאנצע העלפט — וואוינט אין דארף. כאראקטעריסטיש איז אבער פאר בוקאווינע, וואס אין דער זעלבער צייט וואקסט גאנץ שנעל די אידישע קהלה אין דער הויפט־שטאט — אין טשערנאוויץ — און קאנצענטרירט אין זיך מער פון א פערטל פון אלע בוקאווינער אידן. אזוי זיינען געווען אידן אין טשערנאוויץ:

1.	אין 1880־טן	14 449	11,43 %	פון אלע בוקאווינער אידן
2.	„ 1890־טן	17 359	20,98 %	„ „ „ „
3.	„ 1900־טן	21 589	22,55 %	„ „ „ „
4.	„ 1910־טן	28 613	27,80 %	„ „ „ „

פאר דרייסיג יאר איז די טשערנאוויצער אידישע קהלה אויסגעוואקסן צוויי מאל. אין 1880־טן יאר האט אין טשערנאוויץ געלעבט נאר א פינפטל פון אלע בוקאווינער אידן און אין 1910־טן יאר שוין מער פון א פערטל.

מיר זעהען, אז אין דארף און אין דער איינער שטאט טשערנאוויץ וואוינען אומגעפער מער פון 70 פראצענט פון אלע בוקאווינער אידן. די איבעריגע אידן פון בוקאווינע וואוינען אין שטעט און אין שטעטלאך.

וואס פאר א פראצענט מאכן אידן אויס אין פארשיידענע וואוין־פונקטן פון בוקאווינע?

אין דער הויפט־שטאט פון בוקאווינע — אין טשערנאוויץ — איז די לאגע געווען פאלגנדיגע:

יאר	די גאנצע באפעל־קערונג	די אידישע באפעל־קערונג	% פון אידן לגבי דער גאנצער באפעלק.
1880	45 600	14 449	31,69
1890	54 171	17 359	32,04
1900	67 622	21 587	31,92
1910	87 235	28 613	32,80

אידן, אלזא, האבן אויסגעמאכט אין 1910־טן יאר א דריטל פון דער גאנצער באַפעלקערונג פון טשערנאוויץ. דערצו מוז מען נאך צוגעבן, אז די איבעריגע צוויי דריטל פון דער באפעלקערונג ווערן צעטיילט צווישן עטליכע פעלקער.

אין די דערפער פון בוקאווינע האבן אידן אויסגעמאכט פון דער גאנצער דארפישער באפעלקערונג:

1. אין 1880־טן 6,44 %
2. אין 1890־טן 7,72 %
3. אין 1900־טן 8,15 %

דער פראצענט פון די אידן אין די דערפער וואקסט די גאנצע צייט, נאר אין א גאנץ באגרעניצטער מאס. אין די שטעט און שטעטלאך פון בוקאווינע האבן אידן אויסגעמאכט:

1. אין 1880־טן 36,11 %
2. אין 1890־טן 35,96 %
3. אין 1900־טן 35,80 %

אידן מאכן אויס אין די דאזיגע פונקטן מער פון א דריטל, און אזוי ווי די איבעריגע באפעלקערונג באשטייט פון פארשטייער פון עטליכע נאציעס, האבן די אידן פאקטיש א רעלאטיווע מערהייט. פאר צוואנציג יאר האט זיך דער פראצענט אידן אין די דאזיגע פונקטן לגבי דער אלגעמיינער באפעלקערונג כמעט ניט געביטן.

פון 184 779 אידן, וואס האבן געוואוינט אין נידער־עסטרייך אין 1910־טן יאר, זיינען געווען אין דער איינער שטאט ווין — 175 318 ד. ה. 94,9 פראצענט פון אלע אידן פונם דאזיגן קאנט אדער 13,3 פראצענט פון אלע עסטרייכישע אידן. די אידישע קהלה אין ווין איז אויסגעוואקסן ערשט אין דער

צווייטער העלפט פון 19־טן יארהונדערט. אין 1753־טן יאר איז געווען אין ווין סך־הכל 700 אידישע נפשות. אין 1850־טן יאר איז געווען אין ווין בערך א פאַר טויזנט אידן. ווענן דעם ווייטערדיגן וואוקס פון דער אידישער ווינער קהלה דערציילן אונז די פאלגנדיגע ציפערן:

יאר	די גאנצע באפעלקערונג פון ווין	די אידישע באפעלקע־רונג פון ווין	% פון אידן לגבי דער גאנצער באַ־פעלקערונג
1869	607 514	40 230	6,62
1880	725 658	73 271	10,10
1890	1 364 548	118 495	8,68
1900	1 674 957	146 926	8,77
1910	2 038 581	175 318	8,60

פאר 41 יאר איז די אידישע באפעלקערונג אויסגעוואקסן מער פון פיר מאל, ווען די גאנצע באפעלקערונג איז אויסגעוואקסן נאר מער פון דריי מאל. דערמיט, פארשטייט זיך, דערקלערט זיך, וואס אין 1869־טן יאר האבן די אידן אין ווין אויסגעמאכט נאר 6,62 פראצענט און אין 1910־טן — 8,60, מער כמעט מיט גאנצע צוויי פראצענט. באזונדערס שטארק איז געווען דער וואוקס פון דער אידישער באפעלקערונג, אין פארגליך מיט דער אלגעמיינער, די ערשטע עלף יאר, ווען דער פראצענט פון די אידן האט זיך אויפגעהויבן ביז 10,10. נאכדעם האט דער וואוקס פון דער קריסטליכער באפעלקערונג אריבער־געיאגט דעם וואוקס פון דער אידישער באפעלקערונג, און דער פראצענט פון די אידן אין ווין איז געפאלן ביז 8,68 אין 1890־טן, און פון דעם דאזיגן יאר אן און ווייטער זיינען שוין די ענדערונגען נים קיין באדייטנדיגע.

די נאר וואס באמערקטע ערשיינונג חזרט זיך איבער אין זעהר א סך גרויסע שטעט: אינם ערשטן פעריאד פונם וואוקס פון די שטעט נעמען די אידן א גרעסערן אנטייל, ווי אין די ווייטערדיגע פעריאדן. דאס דערקלערט זיך, חוץ פיל אנדערע סבות, דער־עיקר מיט דעם, וואס אין דער ערשטער צייט ציהען צו זיך צו די גרויסע שטעט מער האנדלס־עלעמענטן, צווישן וועלכע די אידן בילדן א גרויסן פראצענט; די גרויס־אינדוסטריע קומט ערשט שפעטער אויף, און זי ציהט צו גרויסע מאסן דארפישע ארבעטער פון די קריסטליכע

מאסן און נאר ווייניג פון די אידישע מאסן. ערשט, ווען די שטאט ווערט שוין געננג גרויס, נעמט זי אריין גרויסע מאסן מלאכה־עלעמענטן, א סך פארשטייער פון אינטעליגענטע פראפעסיעס, פון אדמיניסטראטיווע און פארמיטלער־עלעמענטן, וואס באדינען די אינדוסטריע. די אלע נאר וואס אויסגערעכנטע עלעמענטן ווערן גענומען אין א גרויסער מאס צווישן דער אידישער קליין־שטאטישער און מיטל־שטאטישער באפעלקערונג — און דעריבער זעהען מיר אפט, אז אין די גרויסע שטעט שטעלט זיך סוף כל סוף איין א געוויסער גלייכגעוויכט צווישן דעם וואוקס פון דער אידישער און פון דער ניט־אידישער באפעלקערונג.

מיר האבן העכער געזעהן, אז די אידישע באפעלקערונג אין בעהמען און מערן פאלט אפילו א ב ס א ל ו ט. און דערביי האלטן די גרעסערע אידישע קהלות אין וואקסן — דאס באווייזט, אז אין דארף אדער אין קליינעם שטעטל קאן די אידישע באפעלקערונג א סך שוואכער ביישטיין די קאנקורענץ פון די אויפגעקומענע טשעכישע בירגערליכע עלעמענטן, ווי אין דער גרויסער שטאט. נעמען מיר די הויפט־שטאט פון בעהמען — פראָג — זעהען מיר, אז די צאל אידן וואקסט דארט אהן אן אויפהער:

יאר	די אבסאָ־לוטע צאל אידן אין פראג	פראצענט פון אלע אידן אין בעהמען
1880	21 405	22,7
1890	24 034	25,4
1900	27 799	29,4
1910	28 888	30,6

אין 1910־טן יאר איז שוין געווען אין דער איינער שטאט פראג כמ א דריטל פון אלע אידן פון בעהמען, ווען אין 1880־טן יאָר איז דארט געווען ווייניגער פון א פערטל פון אלע בעהמענער אידן.

אין דער הויפט־שטאט פון מערן -- אין ברינן — איז געווען אין 1910־טן יאר — 8945 אידן, 21,7 פראצענט פון אלע אידן פון מערן. אין ברינן קומט פאר דאס איינענע, וואס אין פראג. ניט געקוקט אויף דעם, וואס אין מערן בִּכְלָל פ א ר ק ל ע נ ע ר ט זיך די אידישע באפעלקערונג, וואקסט פונדעסטוועגן די אידישע קהלה אין ברינן אהן אן אויפהער. אין ברינן זיינען געווען אידן: אין 1880־טן — 5 498; אין 1900־טן — 8 238; און אין 1910־טן — 8 945.

פאר די לעצטע צען יאר איז דער וואוקס פון דער אידישער באפעלקערונג אין פראג און אין בריון קלענער, ווי אין די פריהערדיגע צוויי צענדליג יארן.

אין אלע איבעריגע קאנטן פון עסטרייך, וואס פארמאגן בִּכְלַל זעהר ווייניג אידן, לעבן די לעצטע מערסטנטיילס כמעט נאר אין די שטעט און דערצו טרעפט, אז דאס גאנצע ביסל אידן וואוינט אין צוויי־דריי קהלות.

קהלות מיט מער פון צען טויזנט אידן זיינען פאראן אין עסטרייך עלף, וועלכע האבן געהאט אלע אינאיינעם אין 1910־טן יאר — 382891 אידישע נפשות. דאס הייסט, אז 29,1 פראצענט פון אלע עסטרייכישע אידן וואוינען קאנצענטרירט ניט ווייניגער פון צען טויזנט נפשות צוזאמען.

פראגעס.

1. וואָסער אַ פראצענט פון אלע אידן פון גאליציע וואוינט: אין שטעט? אין שטעטלאך? אין דערפער?

2. אויף וויפיל פראצענט איז אויסגעוואקסן פאר די לעצטע דרייסיג יאר: דער שטאטישער טייל פון דער גאליצישער אידישער באפעלקערונג? דער דאר־פישער טייל?

3. ווי גרויס בערך איז געווען דער נאטירליכער צוואקס ביי דער דאר־פישער אידישער באפעלקערונג אין גאליציע פון 1880־טן ביז 1910־טן יאר?

4. און דער פאקטישער צוואקס פאר דער זעלבער צייט?

5. וואוהין איז אהינגעקומען דער פעלנדיגער טייל פון דער אידישער באפעלקערונג פון גאליציע?

6. וואסער א פראצענט פון די אידן פון מערב־גאליציע האט געוואוינט אין די שטעט פונם דאזיגן קאנט?

7. וואסער א פראצענט פון די אידן פון מזרח־גאליציע האט געוואוינט אין די שטעט פונם דאזיגן קאַנט?

8. מיט וואס דערקלערט זיך דער העכערער אנטייל פון די מערב־גאליצישע אידן אין דער שטאטישער באפעלקערונג?

9. וואס פאר א פראצענט פון דער גאנצער באפעלקערונג האבן אידן אויסגעמאכט אין קראָקע: אין 1787־טן יאר? אין 1831־טן? אין 1869־טן? אין 1900־טן? אין 1910־טן?

10. וויפיל מאל איז אויסגעוואקסן: די גאנצע באפעלקערונג פון קראקע? די אידישע באפעלקערונג פון קראקע?

11. וואסער א פראצענט מאכן אויס אין קראקע די פאלאקן?

12. ווי איז געווען דער נאציאנאלער צוזאמענשטעל פון דער שטאט לעמבערג: אין 1880־טן? אין 1910־טן?

13. וואסער א פראָצענט מאכן די אידן אויס אין די עלף שטעט פון מערב־גאליציע?

14. וואסער א פראצענט מאכן די פאלאקן אויס אין די דאזיגע שטעט?

15. ווי איז געווען דער נאציאנאלער צוזאמענשטעל פון די 19 שטעט פון מזרח־גאליציע: אין 1880־טן? אין 1910־טן?

16. וויפיל שטעט מיט מער פון צען טויזנט אידן זיינען געווען אין גאליציע?

17. וואס פאר א פראצענט פון אלע גאליצישע אידן האט געוואוינט אין די דאזיגע גרויסע קהלות?

18. וואסער א פראצענט פון אלע בוקאווינער אידן האט געוואוינט אין דערפער: אין 1880־טן? אין 1910־טן?

19. וואסער א פראצענט פון אלע בוקאווינער אידן האט געוואוינט אין טשערנאוויץ: אין 1880־טן? אין 1910־טן?

20. וואסער א פראצענט לגבי דער גאנצער באפעלקערונג מאכן די אידן אויס אין טשערנאוויץ?

21. וויפיל מאל האט זיך פארגרעסערט די אידישע ווינער קהלה פאר 41 יאר?

22. וויפיל מאל האט זיך פארגרעסערט די גאנצע באפעלקערונג פון ווין פאר דער זעלבער צייט?

23. וואסער א פראצענט פון אלע בעהמענער אידן וואוינט אין פראג?

24. וויפיל זיינען פאראן אין עסטרייך קהלות מיט מער פון צען טויזנט אידישע נפשות?

25. וואסער א פראצענט עסטרייכישע אידן וואוינט אין די דאזיגע גרויסע קהלות?